א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

# וכל מאמינים

## פרשת ויצא

## מאוצרות אמונים

### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### סיעתא דשמיא - יש 'מאין'

"וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה" (כח י)

חז"ל זאגן (ב"ר סח ב) אז ווען יעקב איז ארויס פון באר שבע נישט האבנדיג ביי זיך גארנישט, נאך וואס אליפז האט אוועק גענומען פון אים זיין גאנצע פארמעגן, האט ער געזאגט קאפיטל קכא פון ספר תהלים וואס הייבט זיך מיט די פסוקים: "שִׁיר לַמַּעֲלוֹת אֶשָּׂא עֵינַי אֶל הֶהָרִים מֵאַיִן יָבֹא עֶזְרִי, עֶזְרִי מֵעִם ה' עֹשֵׂה שָׁמַיִם וָאָרֶץ".

האט ערקלערט דער משגיח **רבי אליהו לאפיאן:**

ווען יעקב האט געזעהן אז ער איז געבליבן אן גארנישט, האט ער זיך געשטארקט מיט די מדה פון ביטחון און האט געזאגט: "מאין יבא עזרי" - דוקא פון די 'אין' ד.מ. די 'גארנישט' וואס איז געבליבן ביי מיר, פון דעם וועט קומען מיין הילף, ווייל: "עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ" - און אויך די הימל מיט די ערד זענען באשאפן געווארן 'יש מאין'.

'לב אליהו' בראשית עמ' ט

### א תפילה וואס איז אנגעהאנגען אין קפיצת הדרך

"וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם" (כח יא)

פון רש"י זעהט אויס אז די ווארט 'ויפגע' וואס עס שטייט אין אונזער פסוק האט א דאפלטע טייטש - איינס אז יעקב האט מתקן געווען תפילת ערבית, און נאך איינס אז ער האט געהאט קפיצת הדרך.

לייגט צו **רבי יעקב ריישער** בעל 'שבות יעקב' אז די צוויי טייטשן זענען אנגעהאנגען איינס אין דעם אנדערן, ווייל ווען יעקב וואלט נישט געהאט קיין קפיצת הדרך וואלט ער נישט געקענט דאווענען און מתקן זיין תפילת ערבית, ווייל מ'זעהט אין די גמרא (עירובין סה א) אז אין די פריערדיגע צייטן ווער עס איז געקומען פון א וועג האט נישט געדאוונט דריי טעג צוליב וואס ער איז געווען אפגעמוטשעט פון די וועג, אבער ווייל ער האט געהאט קפיצת הדרך און האט זיך נישט געפלאגט אויפן וועג, האט ער באלד געקענט מתקן זיין און דאווענען מעריב.

'עיון יעקב' עירובין סה א

### מאריך זיין ביים דאווענען פארשטארקט דעם ביטחון

"וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו וַיִּשְׁכַּב בַּמָּקוֹם הַהוּא" (כח יא)

רש"י ערקלערט אז יעקב האט געטוהן פון די שטיינער אזוי ווי א מויער ארום זיין קאפ, ווייל ער האט מורא געהאט פון די ווילדע חיות. לכאורה איז שווער צו פארשטיין, אין גמרא (ברכות כח ב) שטייט דאך: "המהלך במקום סכנה מתפלל תפילה קצרה", און דא דער לשון 'ויפגע' ווייזט דוקא אויף פארמערן תפילה (ראה רש"י רות א טז)?

ענטפערט **רבי מאיר ווארשביאק** פון די ווארשאווער רבנים:

די גמרא רעדט זיך איבער איינער וואס איילט זיך אריבער גייענדיג א מקום סכנה כדי ער זאל זיך זעהן ווי שנעלער אינדרויסן, פאר אזא איינעם איז טאקע שווער זיך קאנצענטרירן ביים דאווענען, און צוליב דעם דארף ער דאווענען א תפילה קצרה. אבער יעקב אבינו האט זיך געגרייט זיך אויפהאלטן און אויך נעכטיגן דארטן, וועגן דעם איז ענדערשט ער זאל מאריך זיין ביים דאווענען, ווייל ווי מער ער וועט זיך מדבק זיין אין זיין באשעפער וועט ער זיך אויף אים פארלאזן און וועט שוין נישט מורא האבן.

'אמרי כהן'

**פאר יעקב איז אנטפלעקט געווארן דער סוד פון אמן**

"וַיֵּצֵא יַעֲקֹב" (כח י)

דער 'מגלה עמוקות' שרייבט (אנהויב פר' וישב) אז פאר יעקב אבינו איז אנטפלעקט געווארן דער סוד פון ענטפערן אמן, און וועגן דעם ווען ער האט זיך אויפגעוועקט פון זיין שלאף האט ער געזאגט (להלן פס' יז): "וזה שער השמים", ווייל די סגולה פון ענטפערן אמן איז צו עפענען די טויערן פון גן עדן (שבת קיט ב).

א רמז אויף דעם קענען מיר זעהן פון וואס עס שטייט: 'ויצא יעקב' - 'ויצא' איז אותיות 'וי-צ"א', אז עס ווי' געטוהן פאר יעקב אויף דעם וואס דער המון עם טוהט גרינגשעצן אין די טייערקייט פון ענטפערן 'אמן' (גימטריה צ"א).

'ליקוטי פניני בן ישכר' ח"ג פרשת ויצא

### שלאפן אין א בית הכנסת

"וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ... וַיִּירָא וַיֹּאמַר... אֵין זֶה כִּי אִם בֵּית אֱלֹקִים וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמָיִם" (כח טז-יז)

"'שער השמים' - מקום תפילה לעלות תפלתם השמימה" (רש"י).

טייטש **רבי חיים אריה כהנא** דער רב פון 'גבעת עליה' - אין יפו:

אין שולחן ערוך (או"ח קנא ג) ווערט גע'פסק'נט: "אין ישנים בבית הכנסת אפילו שינת ארעי, אבל בבית המדרש מותר". וועגן דעם ווען יעקב האט זיך אויפגעכאפט פון די חלום וואס דארט האט ער געזעהן אז דער פלאץ ווי ער איז געשלאפן איז א 'מקום תפילה', איז באלד "ויירא ויאמר": "אין זה כי אם בית אלקים" - נישט ווי איך האב פריער געמיינט אז די קדושה פון דער פלאץ איז ווי א בית המדרש וואו מ'מעג דארט שלאפן, נאר "וזה שער השמים", און ווייל עס איז יא א 'מקום תפילה', איז זיין דין ווי א בית הכנסת וואס דארט איז אסור אויך א שינת ארעי.

'באר חיים'

### ביים עלות השחר עפענען זיך די טויערן פון הימל

"וְזֶה שַׁעַר הַשָּׁמָיִם. וַיַּשְׁכֵּם יַעֲקֹב בַּבֹּקֶר..." (כח יז-יח)

**רבנו יעקב דער בעל הטורים** טייטש:

פון דעם וואס די פסוקים "וזה שער השמים... וישכם יעקב בבוקר" זענען געשריבן איינס נעבן צווייטן, לערנען מיר, אז אין די צייט פון די עלות השחר עפענען זיך די טויערן אין הימל און עס איז א גוטע צייט צו דאווענען.

### דאווענען - איז די שליסל פון די ישועה

"וַיַּרְא ה' כִּי שְׂנוּאָה לֵאָה וַיִּפְתַּח אֶת רַחְמָהּ וְרָחֵל עֲקָרָה" (כט לא)

פון אנהויב איז לאה געווען א עקרה אזוי ווי רחל (ב"ר עא א), אויב אזוי פארוואס האט זי זוכה געווען אז זי איז שנעל געהאלפן געווארן, אנדערשט פון איר שוועסטער וואס האט געדארפט ווארטן א לאנגע צייט?

ערקלערט **רבי צבי שרגא גראסבארד:**

לאה וואס איז געווען א 'שנואה', האט זיך אינגאנצן נישט פארלאזט אויף א מענטש, נאר זי האט זיך אינגאנצן ארויף געווארפן אויף דעם אויבערשטן, וועגן דעם איז זי באלד געהאלפן געווארן, אבער רחל האט זיך אויך פארלאזט אויף יעקב, ווייל "זי האט געטראכט אז ווייל יעקב האט איר ליב וועט ער פאסטן או זיך אנטוהן א זאק מיט אַש און וועט דאווענען ביז ווען זי וועט האבן קינדער כדי זי זאל נישט שטארבן פון צער" (אזוי זאגט דער רמב"ן שפעטער ל א), דעריבער ווייל זי האט נישט אריינגענומען אין זיך אין הארץ אז זי דארף אליינ'ס דאווענען און זיך נישט פארלאזן אויף תפילות פון אנדערע, איז זי נישט באלד געהאלפן געווארן.

'דעת שרגא'

### די ספעציעלקייט פון לאה'ס 'לויב'

"הַפַּעַם אוֹדֶה אֶת ה'" (כט לה)

עס איז באקאנט די גמרא (ברכות ז ב) וואס זאגט: "מיום שברא הקב"ה את עולמו לא היה אדם שהודה לקדוש ברוך הוא עד שבאה לאה והודתו, שנאמר: 'הפעם אודה את ה'"', אסאך פרעגן די קשיא: וויאזוי קען זיין אז די אבות הק' וואס האבן מתקן געווען די דריי תפילות איז אין זיי נישטא קיין לויב און הודאה?

ענטפערט **רבי אפרים זלמן מרגליות** בעל **'מטה אפרים'**:

די באדייט פון 'הודאה' איז - דער מענטש זאל איינערקענען אז דער אנדערער איז גערעכט, אפילו פריער האט ער אנדערשט געטראכט. וועגן דעם, לאה וואס אין אנהויב האט איר ווי' געטוהן אז זי איז א 'שנואה', ווען זי האט איינגעזעהן אז פון דעם האט זי געהאט א טובה, ווייל זי האט זוכה געווען אויפשטעלן זעקס פון די שבטי י-ה, האט זי איינערקענט אז די שלעכט'ס איז געווען פאר איר א טובה. לויט דעם פארשטייט מען זייער גוט, טאקע די אבות הק' האבן געלויבט דעם אויבערשטן ביים דאווענען, אבער מיט דעם ענין פון 'איינערקענען אז די שלעכט'ס איז געווען גוט'ס' איז לאה געווען די ערשטע.

'פרדס יוסף'

### יעקב האט געזאגט תהלים ביינאכט

"הָיִיתִי בַיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב וְקֶרַח בַּלָּיְלָה וַתִּדַּד שְׁנָתִי מֵעֵינָי" (לא מ)

אין מדרש (ב"ר סח יא) ווערט ערקלערט אז אין לויף פון די צוויי און צוואנציג יאר וואס יעקב איז געווען אין לבן'ס הויז האט ער זיך נישט געלייגט שלאפן, נאר ער האט געזאגט תהלים די קאפיטלעך 'שיר המעלות'. א רמז אויף דעם שרייבט דער **'בני יששכר'**, די ערשטע ווארט אין די תורה 'בראשית' איז ראשי תיבות: "יעקב אמר תהלים בעת שהיה רועה', און אויך: 'יעקב אמר תהלים בביתו של רמאי'.

'אגרא דכלה' צירופי בראשית אות יא



## אל תיטוש תורת אמך

שבת קודש ז' כסלו (תשנ"ה) איז די יארצייט פון דער גאון
רבי **חיים נפתלי הערץ זעליוואנסקי** זצ"ל ראש ישיבת 'מאור התלמוד':

**אין א חינוך שמועס וואס ער האט געהאלטן פאר עלטערן און מחנכים האט ער זיי אזוי געזאגט:**

"דער אויפגאבע פון יעדער איד אויף דער וועלט איז צו 'בויען' די אמונה אין די טיפענישן פון הארץ, און עס איינווארצלען אין זיינע קינדער. איינס פון די וועגן עס צו טוהן איז זיך מחזק זיין מיט ברכות און ענטפערן אמן נאכדעם. און עס אויך על פי הלכה, אזוי ווי עס שטייט אין רמ"א (או"ח קכד ז): "וילמד בניו הקטנים שיענו אמן"; און ווייל עס איז פאר יעדן באקאנט אז וואס עס ווערט אויסגעקריצט אין הערצער פון די קליינע קינדער - בלייבט איינגעקריצט אויף אייביג, אויב זיי געוואוינען זיך צו פון קליינערהייט צו זאגן אייביג 'אמן', ווערט די אמונה טיף איינגעקריצט אין זייער זעהל, און עס וועט ווירקן אויף זייער גאנצע לעבן.

**א טאטע און א מאמע וואס זענען זוכה אזוי צו טוהן, זאלן וויסן אז זיי האבן געגעבן פאר זייערע קינדער א גוטע מתנה וואס צוליב דעם עפנט מען די טויערן פון גן עדן"**

'קונטרס שיחות חיזוק' עמ' כה

**אמן. פון יונג ביז אלט.**

# תענה אמונים

א בליק לויטן
סדר פון דאווענען

## קבלת עול מלכות שמים

### שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד

אין מדרש (ספרי ואתחנן לא) ווערט דערציילט אז בעפאר די פטירה פון יעקב אבינו האט ער גערופן אלע זיינע קינדער און האט זיי מוסר געזאגט. ווען ער האט געענדיגט זיינע רייד האט ער פאר זיי געוויזן זיין זארג - אפשר האבן זיי עפעס אין זייער הארץ אקעגן דעם אויבירשטן, האבן זיי געזאגט: "שמע ישראל" - אונזער פאטער, "אזוי ווי דו האסט נישט אין דיין הארץ אקעגן דעם אויבערשטן, אזוי אויך האבן מיר נישט אין הארץ אקעגן דעם אויבערשטן, נאר - ה' אלוקינו ה' אחד!", הערנדיג די ווערטער האט זיך יעקב באלד געבוקט און געלויבט: "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד!" האט אים דער אויבישטער געזאגט: "יעקב, דו האסט דאך געגלוסט א גאנץ לעבן אז דיינע קינדער זאל צופריה און ביינאכט ליינען קריאת שמע!".

ווי עס שטייט אין מדרש, איז דאס געווען די וואונטש פון יעקב אבינו א גאנץ לעבן אז זיינע קינדער זאלן מייחד זיין דעם אויבערשטן מיט די אייביגע רוף: "שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד!". און ער האט טאקע זוכה געווען אז זיין וואונטש איז ערפילט געווארן, און פון יענעם טאג און ווייטער איז דער פסוק געווארן דער סימבאל פון יעדער איד אין וועלכן צושטאנד ער געפונט זיך. פון צופריה ביז ביינאכט איז ער צו דעם צוגעבינדן, און פון זיינע יונגע יארן ביז צו די עלטער פירט ער זיך לויט דעם שיין.

דער שפיץ פון דעם לעבן און די ציל פון די גלוסטעונישן פון דער יעדער איד איז קאנצענטרירט אין דער פסוק וואס יעדע ווארט און ווארט נעמט ארום וועלטן, ווייל דאס איז דער סימבאל פון די אויפגאבע אויף דער וועלט, ווי א געטרייער קנעכט וואס איז אונטערגעטעניגט צו זיין באשעפער, און אזוי ווי דער רשב"א שרייבט אין זיינע תשובות (ח"ה סי' נה) איבער דער לויב פון דער פסוק: "יעדער פארשטענדליכער מענטש דארף וויסן אז דאס איז א ספעציעלע פרשה פאר מיר אידן, וואס איז כולל די יחוד און די אמונה, און ענהאלט אין זיך גרויסע סודות און פרינציפן וואס זיי זענען די פונדאמענטן פון דער גאנצע געביידע וואס כלל ישראל לאנט זיך אן אויף זיי".

### קבלת עול מלכות שמים

דער פסוק ווערט אנגערופן 'קבלת עול מלכות שמים', און אזוי ווי עס איז מרומז אין די ראשי תיבות פון 'שמע' - עול מלכות שמים. די סיבה פון דעם איז, ווייל מיטן זאגן דרוקן מיר אויס אז דער אויבערשטן איז העכער פון יעדע באגריף, און מיטן עס איבערחזר'ן צופריה און ביינאכט זאגן מיר ארויס קלאר אז מיר זענען אינגאנצן אונטערגעטעניגט צו השי"ת'ס קעניגרייך.

אין מדרש (דב"ר [ליבערמאן] פר' ואתחנן) ווערט ערקלערט אז דער פסוק איז דער שליסל צו באקומען די תורה, ווייל נאך וואס דער אויבישטער איז ארום געגאנגען מיט די תורה צווישן די פעלקער, האט ער זיך געוואנדן צו די אידן: "ענק ווילן אויסוועלן פאר ענק א גא-ט, אזוי ווי אלע פעלקער האבן אויסגעוועלט א גא-ט פון די מלאכים וואס באדינען מיך..." האבן די אידן געזאגט: "דו ביזסט אונזער גא-ט... וועגן דעם טוהן מיר מייחד זיין דיין געטליכקייט און דיין קעניגרייך אויף אונז צוויי מאל יעדן טאג ווען מיר זאגן: שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד".

נאך ווערט ערקלערט דארט אין מדרש, אז ווען דער אויבישטער איז אראפ געקומען אויפן בארג סיני זענען מיטגעקומען מיט אים צוויי און צוואנציג מלאכי השרת, און די אויסדערוועלטע פון זיי זענען געווען מיכאל און גבריאל מיט זייערע גרופעס, ווען די אידן האבן געזעהן זייער שיינקייט זענען זיי זייער דערשראקן געווארן, האט זיי דער אויבישטער געזאגט: 'ווערט נישט פאר'נאר'ט נאך די מלאכים וואס זענען אראפ געקומען מיט מיר, ווייל זיי אלע זענען מיינע באדינער', און פון דעמאלטס און ווייטער האבן זיי מייחד געווען דעם באשעפער און האבן געזאגט איינער פארן צווייטן: 'שמע ישראל ה' אלוקינו ה' אחד".

### שמע ישראל

דער פסוק הייבט זיך אן מיט א רוף: 'שמע ישראל' וואס איר פשוט'ע באדייט איז: א רוף צו אלע אידן זיי זאלן צוהערן צו וואס מיר זאגן ארויס פון אונזער מויל, אבער דער וואס טראכט אריין אין די טיפקייט פון די זאכן וועט פארשטיין אז אין דעם איז באהאלטן א עקסטערע באדייט:

ביים זאגן תחנון בעהטן מיר: "שומר ישראל שמור שארית ישראל ואל יאבד ישראל האומרים 'שמע ישראל', שומר גוי אחד שמור שארית עם אחד ואל יאבד גוי אחד המייחדים שמך 'ה' אלוקינו ה' אחד'", לכאורה דארף מען פארשטיין: די ווערטער 'ה' אלוקינו ה' אחד' האט א ספעציעלע באדייט פון יחוד ה' וואס אין דעם זכות בעהטן מיר אז השי"ת זאל אונז אפהיטן, אבער וועלעכע מעלה איז פארהאן אין די ווערטער 'שמע ישראל'?

ערקלערט דער גאון רבי שלמה זלמן אויערבאך: אונזער אמונה אין הקב"ה קומט פון 'הערן', וואס א זוהן הערט פון זיין פאטער און א תלמיד פון זיין רבי, און נישט דורך חקירה, און דאס בעהטן מיר, אין זכות וואס אונזער ריינע אמונה אין הקב"ה קומט נאר פון הערן און נישט פון חקירה זאל השי"ת אונז אכטונג געבן (הליכות שלמה תפילה עמ' שסז).

נאך ערקלערט דער משגיח רבי יצחק פנחס גאלדוואסער: דאס אויסרופן 'ה' אלוקינו ה' אחד' איז טייטש יחוד ה' וואס דאס איז איינס פון די הויפט פונקטן פון דאס אידישקייט, אויב די ציל וואלט נאר געווען מיר זאלן עס וויסן, וואלט געווען גענוג אויב מיר זאגן עס נאר איינמאל, פארוואס זענען מיר באפוילן געווארן עס צו זאגן צוויי מאל יעדן טאג, און עס אויך אנבינדן ביי די תפילין נעבן אונזער הארץ און אונזער מח?

מוז זיין אז די ציל איז נישט נאר צו וויסן די זאכן, נאר עס אננעמען ווי א עול און לעבנ'ס וועג, אויף אזא וועג אז אלע אונזערע מחשבות און מעשים זאלן נאר זיין געבויעט לויט דעם, און דער יסוד איז דוקא מרומז אין די ווערטער 'שמע ישראל', ד.מ.: זאלסט זיך נישט באגענוגן מיט וויסן די זאכן, נאר דו דארפסט עס שטענדיג איינ'חזר'ן, און עס נאכאמאל אננעמען, ווייל נאר אזוי וועט עס ווירקן אויף דיר און דיך אוועק שטעלן פאר א מענטש וואס זיין גאנצע לעבן איז צוטוהן דעם רצון ה' ('ממדבר מתנה' עמ' תיב).

אין דעם ענין שרייבט דער אבודרהם (דיני קריאת שמע ד"ה והטעם): "'שמע' איז נוטריקון: "שאו מרום עיניכם" (ישעיה מ כו), פאר וועמען? "שד-י מלך עולם", ווען? "שחרית מנחה ערבית" און אויב דו וועסט אזוי טוהן וועסטו מקבל זיין אויף דיר "עול מלכות שמים"

דא איז דאס פלאץ צו פארצייכענען די ווערטער פון רבי חיים דער ברודער פון דער מהר"ל מפראג (ספר החיים, סליחה ומחילה פ"ט): "די סדר פון דער וועלט איז אז מ'שרייט 'שמע ישראל' ווען מ'געפינט זיך אין א צרה... כדי מ'זאל געראטעוועט ווערן אין זכות וואס מ'איז מייחד דעם אויבערשטן, עס איז מער פאסיג אז זיי זאלן שרייען 'ה' אלוקינו ה' אחד' וואס דאס איז דער עיקר פון די יחוד... נאר דער טעם איז, ווייל די צוויי ווערטער זענען כולל אין זיך דעם רצון פון ה' יתברך אז די אידן זאלן צוהערן זיינע מצוות, און אויך א געבעהט פון אידן צום אויבערשטן [וואס זיין נאמען איז ישראל] אז ער זאל זיי ראטעווען פון יעדע צרה".

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג
אויף אמן און תפילה

## מהשם דירה לאיש

די פארשלאג וואס מ'האט אנגעטראגן פאר פאמיליע כהן האבן זיי נישט געקענט נאכלאזן גלייכגילטיג. שוין עטליכע יאר וואס זיי פילן אז זיי מוזן וויכטיג אריבער גיין צו א גרעסערע און א ברייטערע הויז, אבער זייער פינאנציעלע מעגליכקייט איז געווען זייער שמאל און זיי האבן עס א גאנצע צייט אפגעשטופט. יעצט האט זיך פאר זיי געמאכט א זעלטענע געלעגנהייט:

די עלטערן פון איינער פון זייערע שכנים האבן זייער שטארק געוואלט קומען וואוינען נעבן זייער זוהן אין די עיר התורה בני ברק, אבער וויבאלד אז אויף א ווייטע הויז צי אויף די הויכע שטאקן איז נישט געקומען אין באטראכט צוליב זייערע געזונטהייט באגרעניצן, האבן זיי נישט געקענט פארווירקליכן זייער וואונטש.

ווי א יאר שפעטער איז עס געווארן מער און מער וויכטיגער, און נישט האבנדיג קיין אנדערע וועג האט דער שכן באשלאסן זיך צו ווענדן צו זיינע שכנים פון די אונטערשטע שטאק, פאמיליע כהן, וואס די ענגשאפט אין זייער הויז איז געווען ברייט באקאנט, און האט זיי פארגעשלאגן צו באצאהלן אויף זייער הויז אסאך מער פון איר ווערד, אויב זיי וועלן עס פארקויפן פאר זיינע עלטערן.

די פארשלאג האט אים זייער געצויגן, אבער הרב כהן וואס איז געווען געוואוינט זיך דורך רעדן מיט זיין רבי אויף יעדע זאך וואס ער האט געטוהן, האט נישט געענטפערט יא ביז ער האט זיך שואל עצה געווען מיט זיין רבי.

ווען ער האט באקומען די ברכה פון זיין רבי אויף דעם שריט, האט ער זיך געאיילט צו חתמ'ענען אויף דער קאנטראקט, ווען די וואס קויפן עס האבן מסכים געווען צו ווארטן צוויי חדשים ביז זיי וועלן פארלאזן די הויז - א צייט וואס עס זעהט אויס מ'זאל קענען רואיגערהייט טרעפן א נייע הויז.

די קאנטראקט איז גע'חתמ'עט געווארן. אבער ביז עטליכע טעג האט הרב כהן איינגעזעהן אז די אויפגאבע פון זוכן הייזער איז אסאך שווערער פון וואס ער האט געטראכט. ער איז געגאנגען פון איין מעקלער צום צווייטן, ער האט יעדן טאג געליינט אין די טעגליכע צייטונגען די אפטיילונג פון פארקויפן-דירות, אבער א הויז וואס זאל זיין פאסיג צו זיינע געברויכן און לויט די געלט וואס ער האט געהאט האט ער נישט געפונען, און ווען עס איז יא געפונען געווארן אזא הויז, איז עס גרייט געווען נאר נאך א לאנגע תקופה.

פון טאג צו טאג האט דער דרוק זיך געשטארקט. צוריק דרייען דאס רעדל אויף צוריק און אפשטיפן די צייט פון זייער ארויסגיין פון די הויז איז נישט געקומען אין באטראכט, ווייל די עלטערן פון דעם שכן האבן אינצווישן שוין פארקויפט זייער הויז און האבן צוגעזאגט ארויסגיין פון דארט אין די צייט וואס זיי דארפן באקומען זייער נייע הויז.

די קומענדיגע וואכן האבן זיי פראבירט אלע ערליי וועגן וואס זיי האבן געקענט אבער אן קיין נוצן. ביי זיך אין הארץ האבן זיי שוין אנגענומען דעם פאקט אז זיי וועלן מוזן גיין וואוינען אין די הויז פון זייערע עלטערן, אדער דינגען א קליינע הויז ביז ווען מ'וועט טרעפן דעם געוואונטשענעם הויז, אבער די צוויי אפציעס האבן אויסגעזעהן אינגאנצן נישט אין באטראכט.

עס זענען איבערגעבליבן צוויי וואכן ביז די צייט וואס זיי האבן געדארפט פארלאזן זייער הויז, פאמיליע כהן האט שוין אנגעהויבן צו פאקן זייערע זאכן אן צו וויסן ווי אהין זיי גייען. דער פאטער איז ארויס אויף נאך א שפאציר אין די גאסן פון בני ברק, האפנדיג אויף א נס.

נאך אזא שפאציר וואס האט ווידער נישט געברענגט קיין ריכטיגע רעזולטאטן, איז הרב כהן אריין אין א זייטיגע שוהל וואס ער האט געטראפן אויפן וועג, עס איז נאך געווען א שטיקל צייט ביז צו די צייט פון מנחה, האט ער באשלאסן עס אויסנוצן צו דאווענען און בעהטן; ער האט ארויסגענומען א תהלים'ל פון ספרים שאפע און האט אנגעהויבן צו זאגן, און פלוצלינג האט זיך געעפנט זיין קוואל טרערן.

די קומענדיג צייט איז אדורך אויף אים מיט זאגן תהלים אזוי ווי ער האט נאך קיינמאל נישט געזאגט, ער האט זיך יעצט געפיהלט מער ווי שטענדיג אנגעהאנגען אין די הענט פון דער אויבישטער, און דאס האט געמאכט א שטארקן איינדרוק אויף זיין דאווענען.

מ'האט שוין אנגעהויבן צו דאווענען, הרב כהן האט פארמאכט דעם תהלים און האט זיך געשטעלט דאווענען מיטן ציבור. די התעוררות וואס האט אים ארום גענומען ביים תהלים זאגן האט פארגעזעצט אויך ביים דאווענען מנחה וואס איז אויך געווען געווייקט מיט טרערן. פון טיפן הארץ האט ער געבעהטן ער זאל טרעפן די געוואונטשענע הויז, און ווען ער האט געענדיגט דאס דאווענען האט ער געפיהלט א געפיהל פון ביטחון צושפרייט זיך אין אלע זיינע גלידער.

הרב כהן איז ארויס פון שוהל, און פלוצלינג האט ער באמערקט א צעטל וואס איר קעפל איז געווען 'א הויז צו פארקויפן'. די צעטל האט שוין אויסגעזעהן גאנץ אלט, אבער ווייל די איינצעלהייטן האבן אויסגעזעהן ווי פאסיג פאר זיינע פאדערונגען האט ער באשלאסן צו פראבירן.

ער האט אראפגעריסן פון דעם צעטל דעם שטיקל ווי דארט איז געשטאנען אויפגעשריבן דעם טעלעפאן נומער, כדי אז באלד אנקומענדיג אין שטוב וועט ער זיך פארבינדן און נאכפרעגן איבער דעם, אהיים קומענדיג האט ער געזוכט דעם צעטל אין זיין טאש אבער ער האט עס נישט געטראפן. עס האט אים נישט אזוי שטארק וויי געטוהן, עס האט זיך דאך געהאנדלט פון א אלטע צעטל, און יענע הויז איז שוין זיכער פארקויפט געווארן.

אויפצומארגנ'ס איז הרב כהן נאכאמאל ארויסגעגאנגען מיט א ציל פון זוכן מיט אלע זיינע כוחות. דאס מאל האט ער באשלאסן צו גיין אויף די לענג פון 'הרב כהנמאן' גאס, אבער אזוי ווי נעכטן, קיין שום נייע מודעה האט ער נישט געטראפן. נעבן איינע פון די הייזער האט ער זיך אפגעשטעלט, דאס איז פונקט געווען די אדרעס וואס איז געשטאנען אויף די נעכטיגע מודעה וואס ער האט פארלוירן, אבער דעם טעלעפאן נומער, ווי געזאגט, האט ער נישט געהאט.

אינגאנצן פארצווייפלט האט ער באשלאסן אריינגיין אין דעם געביידע און זיך נאכפרעגן ביי די שכנים וועלכע הויז שטייט צום פארקויפן, ער איז ארויף צום ערשטן שטאק און האט געקלאפט אויפן טיר. די טיר איז געעפנט געווארן דורך דער בעל הבית, א אנגעזעהער מענטש מיט א הדרת פנים, און הרב כהן, מיט א צווייפלדיגע שטימע האט זיך אינטערעסירט: 'אפשר האבן ענק מפרסם געווען אויף א הויז צו פארקויפן...?'.

'צי מיר האבן מפרסם געווען? ממש נישט!' - האט דער בעל הבית געענטפערט, אבער האט באלד צוגעלייגט, ווען א וואונדער איז אים אויסגעשפרייט אויפן געזיכט: 'פארוואס האסטו באשלאסן צו קלאפן אויף אונזער טיר?'.

נאך וואס הרב כהן האט ערקלערט מיט א קווענקלדיגע שטימע די קייט פון די געשעהנישן האט דער בעל הבית זיך אנגערופן מיט א שטימע וואס האט נישט באהאלטן זיין התרגשות: 'עס זעהט אויס אז פון הימל האט מען דיך צוגעפירט צו דעם ריכטיגן פלאץ, ווייל פונקט פאר עטליכע מינוט האב איך צוזאמען מיט מיין ווייב באשלאסן צו פארקויפן אונזער הויז און אריבער גיין צו איינס פון די יונגע פרומע שטעט...'

'פאר ארום א וואך', האט ער דערציילט, 'האט מען מיר אנגעטראגן א הויכע תורה'דיגע פאזיציע אין א ישיבה וואס געפונט זיך אין יענע שטאט. איך האב זיך געוואלט איבערטראכטן אין די פארשלאג, ווייל צוליב דעם דארף איך אריבער גיין וואוינען נעבן די ישיבה. פאר עטליכע מינוטן, בשעת'ן עסן פרישטאג, האבן מיר באשלאסן אננעמען די פארשלאג.

די ישיבה האט שוין אנגעגרייט א הויז פאר אונז. פאר אונז איז נאר איבערגעבליבן צו פאקן אונזערע זאכן און ארויסגיין...' - האט דער מענטש געענדיגט מיט א שמייכל, און האט איינגעלאדנט הרב כהן צו זעהן דעם הויז.

די הויז איז פונקט געווען פאסיג לויט זיינע געברויכן - איז הרב כהן איבערראשט געווארן, און אויך די פרייז וואס מ'האט געפאדערט אויף דעם איז געווען לויט זיינע מעגליכקייטן.

עטליכע טעג נאכדעם האט מען פארמאכט דעם קאנטראקט. פאמיליע כהן איז פרייליכערהייט אריבער צו זייער נייע און ברייטע וואוינונג, און די עלטערן פון דעם שכן האבן זיך אויך געפריידט צו קומען וואוינען נעבן זייער זוהן.

די כח פון תפילה און א ריינע אמונה האט זיך דא אויפגעוויזן קלארערהייט.

אין איינס פון די ערשטע טעג פון זייער וואוינען אין די נייע הויז האט הרב כהן באגעגנט איינעם פון זיינע שכנים, צווישן די צוויי האט זיך געמאכט א קורצע שמועס, און אינמיטן האט הרב כהן זיך אינטערעסירט, צי ער ווייסט וואספארא הויז איז געשטאנען פריער צום פארקויפן. דער שכן האט געוואוסט, אבער ער האט זיך זייער געוואונדערט אויף די פראגע. 'עס איז שוין אדורך א יאר פון ווען די הויז איז פארקויפט געווארן...' - האט ער געזאגט.

יעצט איז הרב כהן איבערגעצייגט געווארן צו זעהן דעם וואונדערליכן כח פון תפילה, ווען א מענטש דאוונט פון טיפן הארץ, קען דער אויבישטער אים צושיקן גאר א אלטע מודעה, צוברענגען ער זאל פארלירן דעם צעטל מיט דעם טעלעפאן נומער און מוזן זוכן דעם הויז מיט זיינע אייגענע כוחות... וואס דאס וועט אים צוברענגען צו א אומגעראכטענע הויז, די הויז וואס פון הימל האט מען פאר אים באשטימט, א דאנק זיינע תפילות.

געהערט פון דער בעל המעשה

עיצובים shay